Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פרץ

Mosḳṿe, 1937

17

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 17

אפ א מײַל אינ דער הײך און אפ מײַלנ ארומ
קאָנ צומ פעלדז „באַגאַטיר" ניט דערלאנגענ די רו —
אנ אסיפע פונ מענגעס געלאָזט – אינ דער הויך,
מי׳נ אופרײַס, מיט דונער, מיט כמארע און רויך,
ווער עס וואשט זיך אינ ראש, ווער פונ ראש איז באהערשט,
נ׳ווי מיט ווײַנ דאָרט באטרינקט זיך מיט אימ אוראַמ־הערש.

ווו ער ווארפט ניט קײנ אויג — הײבנ האמערס און העק זיך,
ווו ער גיט ניט א קוק — זײַנענ פלײצעס און קעפּ,
ווו ער ווארפט ניט קײנ אויג — זײַנענ בערג, ווי געבעקסנ,
ווו ער גיט ניט א קוק — איז צעגאָסענער דניעפּ. —
צי מע דרויבעט דאָ פעלדז, צי מע דרעשעט דאָ ברויט,
צי מע פאָרט אפ א קנאסמאָל בא אימ אינ דער בויד?

אפ א קעלניע ער שטײט — צווישנ פעלדונ און גריבער,
ס׳בײַסט די זונ און זי קריכט אינ די אויגנ, ווי זײפ,

און ער קײַעט די היץ און ער קײַעט דעם פיבער,
בא דער ארבעט ער שטייט האלב געבויגן, אזוי
ווי געשטאנען וואָלט ער אין דער בויד און געטריבן
צעפּלאָכעטע פערד אף א קרומען שאָסיי.

עס טראסקעט דער שטיין און עס טראָגט זיך א שטויב,
ס׳איז זאָזל פרילישעט און זאָזל איז טויב, —
נאָר ס׳קריכט אווראָם־הערש אים ארײַן אין דער לעבער,
ער שטורכעט און הריזעט אים: — זאָזעלע-לעבן! —
און אלעמאָל גיט ער א פרעג און א טייל אים:
— דו ווייסט ס׳ארא סעדרע סע גייט היַינט, נעוויילע? —

אלע ווײַלע דערלאנגט ער די הענט זיך א רײַב,
און געשיקט, ווי די בײַטש, הייבט בא אים זיך דער האמער,
ניט ער דרויבעט דעם פעלדז, נאָר ער יאָגט אים און טרײַבט,
און די גאנצענע ערד גייט אף רעדער, געטרײַ,
ס׳שרײַט זײַן פּאָנעם מיט שוויס, מיט פארברוין — זײַנע פליאמעס,
און ס׳ווילט זיך א „וויאָ״ — נאָר דאָס מויל איז פארקלאמערט.

ווי געיאָגט פון וואָקזאל וואָלט ער זיך, אווראָם-הערש, דאָרט,
ווי מיט די באלעגאָלעס געגאנ וואָלט א שטרײַט.
ווע מעס גלאָק אף דער שטאָט וועט דערהערט זײַן דער ערשטער,
ווער אין שטאָט מיט די פערד וועט דער ערשטער ארײַנ,
אלע ווײַלע — א וויש מיטן ארבל דעם שטערן,
אלע ווײַלע נ׳די הענט — אזא העפטיקן שפײַ!

ס׳יאָגט זיך זאָזל אים נאָך מיט די ציינער בלויז,
ס׳קריכט די וואָנצע אין מויל דורך צעשפּאָלטענער ליפּ,

און ער שפײַט מיט א קלאָלע אפ צריק זי ארויס, —
אלע ווײַלע — א סאפּ, אלע ווײַלע — א כליפּ:
— אווראָם־הערש, כ׳האָב הײַנט יאָרצײַט... דערמאָנט זיך אָט ערשט... —
און א קוק אין די זײַטן: — דו הערסט, אווראָם-הערש? —

— הער אופ קרעכצן, נעוויילע! — דערלאַנגט אווראָם־הערש
אין די זײַטן א שפּײַ — ער זאָל וויסן גענויער,
בא וועמען ס׳איז ווייניק, בא וועמען ס׳איז מער. —
וואָס האָסטו געזאָגט? — שטעלט ער אונטער דעם אויער,
און ווידער — אפ לינקס, און ווידער — אפ רעכטס:
— וואָס זשע ווילסטו, נעוויילע? איז לייג זיך און קרעכץ! —

ער גיט זיך צו זאָזלען א קרים, אווראָם־הערש,
און גיט אפן פעלדז זיך א לאָז מיטן האמער.
— האָסט יאָרצײַט.. אזוי, נעבעך... ווײ איז דער מאמען...
נאָך וועמען? נאָך אים? נאָכן גאנעוו — דעם שווער?..
באדארפסט עס דערציילן דעם כאווער טרובא,
איז מאכט ער א מיניען דיר — ראז און דווא! —

און ס׳באשפּײַט אווראָם־הערש זיך ווידער: — רעכט!
סט׳עפשער פאָרן אהיים אים דאָרט שטעלן א לעכט? —
— אהיים איז אהיים, — גיט זיך זאָזל א טראָג... —
און שפּײַ נאָר אזוי ניט... איך ווייס ניט ווי דיר איז,
דו מיינסט, אווראָם־הערש, פאר אזעלכע סכירעס
איז קאָן איך זיך אופהייבן הײַנטיקן טאָג?.. —

— נו, גיב דאָרטן, זאָזל, איבער א גרוס,
און דריי זיך, נעוויילע, אין וועג אויס א פוס,

און נעמ אפנ וועג זיכ מיט זשוקנ ארום,
א צאדיק אזא — נעבעכ קומט ער דאָ אומ,
און יאָרצײַטנ האָט ער הײַנט אויכ פארגעווּיס
ניט איינעמ... איז גייט און — צעברעכט זיכ די פיס! —

און זשוק ערגעצ בראָיעט, און זשוק ערגעצ ברײַעט,
ער טײַטלט אפ הענט און ער טײַטלט אפ שטיינער —
צו איינעמ, צומ צווייטנ, צו אלע נ׳פאר זיכ דאָרט:
— ס׳אנ ארבעט דעמ שטיינ מיט די פינגער, און — שטיי ניט,
און ס׳איז ניט קיינ זונטיק, און ס׳איז ניט קיינ פרײַהײַט,
איז וואָס? איז וואָס־דענ? — און עס קײַקלט זיכ: — ריכטיק! —

לוקא האָט געשוויגנ. געקוקט אומעטום האָט.
זיכ צוגעהערט שטיל און עפּעס געווארט.
לוקא האָט געוויגנ דעמ ראש און דעמ טומל:
א וויפל ס׳איז קעגנ, א וויפל ס׳איז פאר,
און פונדאנענ — אהינ, און פונ דאָרטנ — אהער,
און צומ סאָפ זיכ א הייב: נו, וואָס זאָגט אווראָמ־הערש!

אווראָמ־הערש האָט געטראכט און געארבעט: — נו, וואָס?
וואָס יאָ, איז יאָ... די מאשינ איז אוואדע,
נאָר דאָס, וואָס עס דרייט זיכ דאָ זשוק און ער יאדעט...
איז שנײַדט עס אינ הארצנ אימ פונקט ווי מיט גלאָז,
ער קאָנ ניט פארטראָגנ ס׳באנדיטישע קאָל,
אָט זאָל מענ אימ, טראכט ער, באשיטנ מיט גאָלד,

וועט ער אינ קאָמפּאניע ניט גיינ מיט אזא,
וואָס ווייסט אימ דער רועכ, וואָס ער טוט דאָ און בראָיעט,

וואָס קאָן דיר אריַינלייגן גלאָז אינעם ברויט,
וואָס קאָן אפּנ קאָפּ דיר דאָ אָנטאָן א זאק,
וואָס מע דארפ אפּ אים האלטן דאָס אויג — שארפ,
ווען ער גיט נעבן דיר זיך א דריי און א שאר...

ער אליין, טראכט ער, אויך איז דערפאר ס'זאָל באלד
די מאשין אים דאָרט ברענגען צו טראָגן טרובא...
עס וואָלט גאָר ניט גשאט... ווען מע וואָלט זי געהאט...
און געווען ס'וואָלט דאָ גרינגער און גיך — אקוראט.
אָבער דאָס, וואָס סע קאָהאָלט זיך זשוק ארום דעמ...
איז גיט ער דעמ אוילעמ א הייב און א נעמ:

— באלעגאָלעס! שטיינהעקער! אלע, הערט!
ווער נאָך איז פאראן? ווער נאָך פון קאריער? —
אפּ זשוקן א קוק, מיטן האמער א קלאַפּ, —
איז ווער פארן עק, און ווער פארן קאָפּ,
און האָדי און פּאָטער! מע וואַרפט אים ארויס
און מע מעלדעט דעמ כאוועך טרובא און — אויס!

געזען כ'האָב דעמ כאוועך טרובא אין דער קיך,
די קאשע ט'געשמעקט... איז אליין אפגיך,
געזען, ווי ער שטעלט די נעשאָמע זיך איַין, —
באלעגאָלעס! ס'קאָן בעסער אין לעבן ניט זיַין!
איז זאָל ער אונדז זאָגן אזוי ווי ער קאָן,
און וואָס ער וועט זאָגן, אזוי וועט מען טאָן! —

עס נישטערן הייבערס. זיי שנייַדן די הייכן.
זיי שטרעקן ווי הענט זיך און מאָנען און קרעכצן.

און ערגעץ צעהאקט זיך טרובאען דאָס קאָל.
עס ציטערן דראָטן. די פענעמער בלייכן.
און ס׳רופן זיך ברעגן, נאָר עמעצער ווערט זיך.
און ס׳רופט א פארזאמלונג באנאכט דער ארבקאָם.

פארזאמלונג פון שטיינהעקער — שטייניק געלאטעט.
פארזאמלונג פון שטיינער אפ פעלדזיקע לאנען —
און ס׳וויסט שוין דער דניעפער, אז עפעס קומט פאָר,
און ס׳הערן פון ווייטן זיך צו עקסקאוואטאָרס,
און ס׳שאָקלען מיט שנאָבלען די שטאָלענע קראנען,
און לאָקאָמאָטיוון זיך מעלדן צום וואָרט.

נאָר דאָס וואָרט נעמט טרובא. די פארזאמלונג גייט ווייטער.
ער האלט אין די אויגן באריכטן פון ארבעט,
א שטיק קאָטלאָוואַן און א שטיק פונעם דניעפּ,
און ערגעץ די שוועלן זיך זאָטלען ווי רייטער,
און ערגעץ די שוועלן זיך רייסן אין נאכט־פּיין,
און ס׳ווענדט זיך טרובא צו פארזאמלטע קעפּ:

— כאווירים! די קאשע איז... ווירקלעך... נאָר אָן איר —
ז׳מיט אייניקע האלט עס נאָך זייער שווער...
פאראן נאָך אזוינע... אין נאָרעס פארבאהאלטן...
ווער ס׳שפייַט אונדז אין קאשע... ווער ס׳שפייַט אונדז אין פּאָנעם,
אזעלכע, וואָס מעסערס פארגרייטע זיי האלטן
און נוצן די שטיינער זיך אויס פאר געווער...

דאָס דרויבן מיט הענט איז אן אויסרייד. ס׳אזוי נאָר,
ס׳וועט גרייט די מאשין זייַן צו מאָרגן פארפרי דאָרט, —

און ס'בעט זיך די האנט צו דעם גורט...— ס'איז ניט וויכטיק,
אדורך צווישן אונדז ז'ווי א וואָרעמ דער סוינע
און הריזעט פון אינווייניק. (אָפּקלאנגען: נידער!)
מיר וועלן אימ איַינבײַסן. (אָפּקלאנגען: ריכטיק!)

און ס'טרובעט טרובא: — מ'עט שטימען. מ'עט הערן.
ווער וויל נאָך א וואָרט? — נאָר עס הייבן זיך ברעמען,
און ס'בליאסקען אפּ אימ נאָר די שווייסיקע טראָפּן.
נ'אז שטיינהעקערס קנייטשן מיט בערד און מיט שטערנס,
נ'אז ס'וואָרט וויל פון שטיינהעקערס קיינער ניט נעמען,
איז וויל עס דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

איז וואָס ווייסט א ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל!
וואָס האָט ער געהאט און וואָס האָט ער פארלאָרן?
עס גיט זיך מיט ווערטער דאָס מויל אימ א שטאָפּ אָן:
— נו, רייד, מעליטאָפּאָל, קורץ און קלאָר, —
גיט זשוק פאר די אויגן דעם ייִד זיך א שטעל, —
פאר מיר און פאר דיר נ'פארן גאנצן ארטעל! —

און ס'ווערט א געטומל. און ס'ווערט א געלעכטער,
און ס'ווערט א געהודע פון איינעמ צומ צווייטן,
און יעדערער שרײַט, ער זאָל צוגיין צומ טיש:
אָט זאָל ער זיי זאָגן, אָט זאָל ער א גיי טאָן!
און ס'גיט זיך א שיט פון אימ עטלעכע ווערטער:
— ס'איז ריכטיק... ס'אזוי, — און ער האָט זיך צעמישט.

דער קירזשנער ז'געשטאנען בא זײַט און געהערט,
די האנט אפן איינציקן אויער פארפעסטיקט, —

ער דרייט זיך אהין און ער דרייט זיך אהער,
און עפּעס ער מורמלט און כאָזערט זיך שווער:
— דער שניט איז אַ שניט, נאָר מע דאַרף נאָך אַ מעסט טאָן, —
פאַרשטייט זיך, ס׳איז ביטער... וואָס נאָך און וואָס מער? —

נאָר אינמיטן געטומל — באַפּעליק און קאַלט
האָט אַ הייב געטאָן ס׳בערדיקע פּאָנעם לוקאַ,
ווי אַ כוואַליע אַ ריס איבער אַלעמענס קעפּ:
— ציט! לאָזט אים ריידן! ער ווייסט, וואָס ער רעדט!
ס׳איז אויך ניט מיט קישנס געבעט דאָ זײַן בעט! —
און דאָס וואָרט פון לוקאַ ט׳זיך צעקייקלט אין סטעפּ.

און שטימען: — אוואַדע!
און שטימען: — איז וואָס זשע?
און שטימען אַף שטימען פון יעטווידן אָרט:
— נו, פּרוּוו זיך, נו, נאַ דיר,
— נו, פּרוּוו זיך פאַר גראָשנס! —
האָט ווידער טרובאַ זיך גענומען דאָס וואָרט.

האָט טרובאַ זיך געשטעלט
בײַ דער זײַט פונעם טיש
און פון שטערן פאַרשאַרט זיך די העל־בלאָנדע האָר,
ס׳האָט דאָס וואָרט אים געפעלט,
און דער שווייס האָט געפרישט:
— נו, איז אָט, ס׳איז פאַר יעדן און אַלעמען קלאָר. —

און עס ריידן שוין אַלע. מע רעדט שוין אײנענעם.
מע ווישט זיך די מײַלער, און מ׳איז שוין צעוואַרעמט,

און ס׳איז פונקט אזוי פּאָרכטיק, ווי ערעוו א שלאכט;
און ס׳ציִען די הענט זיך אליין שוין צו שטיינער,
און ס׳שורוועג די בערד, און די הענט זייַנען וואכיק,
און מ׳איז אפ דער ארבעט ארויס נאָך באנאכט.

ס׳האָבן הענט זיך געגעבן א פּאָכע ארופּ,
און טרובאס שטימ שטייַגט ערגעץ אופּ:
— אויב נעכטן באדארפט האָט מען שרויט — איז שרויט,
און הייַנט אויב מיר דארפן בעטאָן — איז בעטאָן!
און ס׳וועט אונדז ניט פעלן קיין איינציקער לויט,
און ס׳וועט אונדז ניט פעלן קיין איינציקער טאָן!